גליון 261
ויצא תשפ"ו



דעם רבינ'ס

# מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## שְׁטַייגְן

**דֶער תַּם אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרָאדְקַייט אוּן תְּמִימוּת, אוּן גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער פוּן שְׁטָאט. דָאס פִּירְן דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן לוֹיט זַיין בַּאפֶעל, אוּן מִיט דִי צַייט הָאט אִים דֶער קֶענִיג גֶעמַאכְט אַלְס מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן!**

לָאמִיר צוּרִיקְגֵיין צוּ דִי חֲבֵרִים אִין כִּתָּה יַעְנְקִי אוּן שָׁאוּל.

בַּיי חֲזָרָה, אִיז יַעְנְקִי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מְלַמֵּד מִיט אַ שְׁאֵלָה. גֵייעֶנְדִיג צוּ זַיין פְּלַאץ, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ בְּלַאט פוּן דִי עֶרְד, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין, אוּן זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁטַארְצְט פוּן קִנְאָה.

דִי גַאנְצֶע סוּגְיָא אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אִין מְסוּדָר'דִיגֶע שׁוּרוֹת מִיט אַ קְלָארֶע אוּן לֵיינְבַּארֶער שְׁרִיפְט. אוֹיף יֶעדֶע שְׁאֵלָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ נוּמֶער, אוֹיף אַ קוּשְׁיָא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַ קוּשְׁיָא. דִי רַאיוֹת זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרִינֶע קָאלִיר, דִי תְּשׁוּבוֹת אוּן תֵּירוּצִים מִיט אַ בְּלוֹיֶע קָאלִיר. עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן דָאס צוּ זֶען. "וואוּ בִּין אִיךְ, אוּן וואוּ זֶענֶען מַיינֶע חֲבֵרִים. אִין דִי צַייט וָואס נֶעמְט מִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי חִילוּק צְוִוישְׁן אַ שְׁאֵלָה אוּן אַ קוּשְׁיָא, צְוִוישְׁן אַ מִשְׁנָה אוּן אַ בְּרַיְיתָא, הַאלְטְן שׁוֹין מַיינֶע חֲבֵרִים בַּיי מְפָרְשִׁים, זֵיי גֵייעֶן אוֹיפְן וֶועג פוּן דִי שַׁארְפֶע לַמְדָנִים. אֲלֶכְּסַנְדֶר הָאט טִיפֶע חִידּוּשִׁים, יָאסֶעלֶע הָאט רַאיוֹת פוּן אַנְדֶערֶע גְמָרוֹת, יִצְחָק זָאגְט נָאךְ דִי גַאנְצֶע סוּגְיָא מְסוּדָר דֶעטַאל נָאךְ דֶעטַאל, אוּן אִיךְ – אוֹי-אוֹי-אוֹי"....

אָבֶּער גְלַייךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט. עֶר הָאט שְׁטַארְק פַארְמַאכְט זַיין הַאנְט, אוּן גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס: "יַעְנְקִי, דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק! גֵיי וַוייטֶער אוֹיף דַיין וֶועג, פְרֵיי דִיךְ מִיט דַיינֶע יְדִיעוֹת! יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעפְרֶעגְט דַיין מְלַמֵּד אַ שְׁאֵלָה, אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דִי צְוֵייטֶע שְׁאֵלָה. דוּ קֶענְסְט זִיךְ זֶעצְן דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן. פְּרוּבִּיר אַז עֶס זָאל זַיין אַ קְלָארֶע שְׁרִיפְט..."

יַעְנְקִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְלַייכֶער אִינְגְל. זַיין וָוארְט אִיז אַ וָוארְט, אָן קֵיין הֶסְבֵּרִים אוּן פְּשֶׁטְ'לֶעךְ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אָן עֶס אוֹיפְבְּלָאזְן אוּן פַארְגְרֶעסֶערְן, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אוּן נִישְׁט מֶער. אַלֶע הָאבְּן גֶעווּאוּסְט: יַעְנְקִי אִיז אַ קִינְד אוֹיף וֶועמֶען מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין פְּשֶׁטְ'לֶעךְ אוּן דְרֵיידְלֶעךְ....

עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קֵיין סַאךְ צַייט, אוּן יַעְנְקִי אִיז גֶעוָוארְן דֶער מְמוּנֶה צוּ פַארְהֶערְן דִי חֲבֵרִים מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה. נָאךְ וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזֶען אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס פַארְהֶערְן זִיךְ זֶענֶען מְרַמֵּז אוּן זָאגְן אוֹיס פַאר זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי פַארְהֶערְן, הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז 'נָאר יַעְנְקִי' אִיז אַ גְלַייכֶער אוּן עֶר אִיז פַּאסִיג צוּ וֶוערְן גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס בּוֹחֵן בַּיי הַפְסָקָה. יַעְנְקִי הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי מִשְׁנַיוֹת. דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ פַארְהֶערְט שְׁנֶעל אֵיין פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין שְׁטֶעלֶע; פַארְקֶערְט, עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אַלֶעמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן אִינְגְל.

עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים זֶענֶען אַרִיבֶּער. יַעְנְקִי וָואס הָאט פַארְהֶערְט אַסַאךְ תַּלְמִידִים פִיל מַסֶּכְתּוֹת, הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קֶענֶען מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה (!) יָא יָא! אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען שָׁאקִירְט אוּן אִיבֶּערְרַאשְׁט צוּ זֶען וִוי יַעְנְקִי דֶער פָּשׁוּטֶ'ער תָּמִים קֶען פַארְשְׁטֵייט, אוּן פַארְהֶערְט זִיךְ אֲפִילוּ. קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מַחֲלוֹקֶת פוּן דִי תַּנָּאִים, זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ יַעְנְקִי אִים צוּ פְרֶעגְן פְּשַׁט פוּן דִי מִשְׁנַיוֹת, אוּן פוּן אִים הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט דִי גַאנְצֶע מִשְׁנָה פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף אוֹיף אַ קְלָארֶע פָּשׁוּטֶ'ע אוּן מְסוּדָר'דִיגֶע אוֹפֶן. אַרוּם אִים אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַ מַצָּב אוּן טוּמְל, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלָאר פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַז מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן יַעְנְקִי וִויאַזוֹי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַ מִשְׁנָה מִיט אַ גְלַייכְקַייט אוּן קְלָארְקַייט.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ט' - פוּן דֶער חָכָם מִיטְן תָּם (5)

**דֶער** וַוייל הָאט מֶען דֶערְלַאנְגְט צוּם מֶלֶךְ מְסִירוֹת אוֹיף דֶעם גוּבֵּירְנִיר. בַּאֲשֶׁר עֶר טוּט פַאלְטְשְׁקֵייט. הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים מַעֲבִיר גִיוֶועןְ (כְּלוֹמֶר אָפּ גִיזֶעצְט) **הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.** סֶע אִיז גוּט אַז סֶע זָאל זַיין אַ גוּבֵּירְנִיר אַ פְּרָאסְטִי מֶענְטְשׁ דְהַיְינוּ אַ **תָּם**. וָוארִין **אַ תָּם** וֶועט פִירִין דִי מְדִינָה מִיט **אֱמֶת** אוּן מִיט **יוֹשֶׁר**. מַחְמַת עֶר וֵוייסְט נִיט קֵיין חָכְמוֹת אוּן קֵיין הַמְצָאוֹת.

**אִיז דֶעם מֶלֶךְ** גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל מַאכִין דֶעם **תָּם** (דְהַיְינוּ דֶער תָּם וָואס עֶר אִיז דֶער חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט) פַאר אַ גוּבֵּירְנִיר. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוּקַאז. אַז דֶער **תָּם** וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט. זָאל עֶר וֶוערִין גוּבֵּירְנִיר.

אוּן דֶער **תָּם** מוּז פָארִין דוּרְךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער גוּבֵּירְנְיָא. **בְּכֵן** זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי טוֹיעֶרִין פוּן דֶער שְׁטָאט. אַז תֵּיכֶף וִוי דֶער **תָּם** וֶועט אָן קוּמֶען. זָאל מֶען אִים פַארְהַאלְטְן. אוּן מֶען זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין דִי טְשִׁין אַז עֶר זָאל זַיין גוּבֵּירְנִיר.

**הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן מֶען אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טוֹיעֶרִין אוּן תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז דוּרְךְ גִיפָארִין. **הָאט מֶען אִים פַארְהַאלְטְן.**

**אוּן** מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז גִיוָוארִין **גוּבֵּירְנִיר.** הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. **נָאר אָן לֵיצָנוּת.** הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַוַודְאַי אָן שׁוּם לֵיצָנוּת. אִיז דֶער **תָּם גִיוָוארִין תֵּיכֶף גוּבֵּירְנִיר בְּתוֹקֶף וָעוֹז.**

**אוּן** הַיינְט אַז דָאס מַזָל הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיף גִיהוֹיבְּן. אוּן מַזָל מַחְכִּים (דְהַיְינוּ דָאס מַזָל מַאכְט קְלוּג) הָאט עֶר שׁוֹין גִיקְרִיגְן **אַבִּיסְל הַבָּנָה** (דְהַיְינוּ פַארְשְׁטַאנְד) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִינוּצְט מִיט זַיין חָכְמָה.

**נָאר** עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין **תְּמִימוּת** אַזוֹי וִוי פְרִיר. אוּן עֶר הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה **מִיט תְּמִימוּת מִיט אֱמֶת. אוּן מִיט יוֹשֶׁר.** אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט אוּן קֵיין עַוְלָה נִיט גִיטָאן קֵיינֶעם.

**אוּן אוֹיף** פִירִיכְץ פוּן אַ מְדִינָה. בַּאדַארְף מֶען קֵיין גְרוֹיסְן שֵׂכֶל אוּן קֵיין חָכְמוֹת נִיט. **נָאר יוֹשֶׁר אוּן תְּמִימוּת.** אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זִיךְ לָאדִין פַאר אִים. הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ בִּיסְט זַכַּאי אוּן דוּ בִּיסְט חַיָּיב.

**אַזוֹי** וִוי זַיין **תְּמִימוּת** אוּן זַיין **אֱמֶת** אִיז גִיוֶוען. אָן אַ שׁוּם רַמָאוּת אוּן אָן פַאלְטְשְׁקֵייט. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר **אַלְץ גִיפִירְט מִיט אֱמֶת. הָאט** אִים דִי מְדִינָה זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גִיטְרַייעֶ יוֹעֲצִים וָואס זֵיי **הָאבְּן אִים לִיבּ גִיהַאט בֶּאֱמֶת.** אוּן מַחְמַת לִיבְּשַׁאפְט. הָאט אִים אֵיינֶער **אֵיין עֵצָה גִיגֶעבְּן.** בַּאֲשֶׁר דוּ וֶועסְט זִיךְ בְּוַודְאַי מוּזְן **קוּמֶען פַאר דֶער מֶלֶךְ.** וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. אוּן וִוידֶער. דֶער סֵדֶר אִיז. אַז אַ **גוּבֵּירְנִיר מוּז קוּמֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ.**

**בְּכֵן.** כָאטְשֶׁע דוּ בִּיסְט **זֵייעֶר עֶרְלִיךְ.** אוּן דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִין דִיר **נִיט גִיפִינֶען קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט.** אִין דַיין פִירִיכְץ דִי מְדִינָה. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָארְט סֶע אִיז אָבֶּער **דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ.** אַז עֶר שְׁמוּסְט. אַז אִין דִי רֵייד גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶער זַייט. אוּן הֵייבְּט אָן שְׁמוּסִין **חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת.**

**בְּכֵן. אִיז שֵׁיין.** אוּן סֶע אִיז דֶער **דֶרֶךְ אֶרֶץ** אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען **עֶנְפֶערִין.** אִיבֶּער דֶעם אִיז **רֶעכְט** אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיס **לֶערְנֶען חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת.** אִיז דָאס גִיפֶעלִין דֶעם **תָּם.**

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ.** וָואס אַייְרט עֶס מִיךְ אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ לֶערְנֶען חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִילֶערִינְט אוּן הָאט מְקַבֵּל גִיוֶוען חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת.

**אִיז אִים** תֵּיכֶּף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין דֶער חָכָם זַיין חָבֵר הָאט אִים גִיזָאגְט. אַז סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשׁוּם אוֹפָן. אַז עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף זַיין חָכְמָה. **הָאט בִּין אִיךְ שׁוֹין גִיקוּמֶען אוֹיף זַיין חָכְמָה.** (אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין כָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין גִיוואוּסְט חָכְמוֹת. הָאט עֶר גָאר נִט גִינוּצְט מִיט דִי חָכְמוֹת. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין תְּמִימוּת אַזוֹי וִוי פְרִיר).

**דֶער נָאךְ** הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט. אַז דֶער **תַּם** דֶער גוּבִּירְנִיר זָאל צוּ אִים קוּמֶען. אִיז עֶר צוּ אִים גִיפָארִין.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** פְרִיר גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם **תַּם** פוּן דֶעם פִירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה. **אִיז עֶר דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין.** וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזֶעהְן. **אַז עֶר פִירְט מִיט יוֹשֶׁר אוּן מִיט גְרוֹיס אֶמֶת אָן אַ שׁוּם עַוְלָה אוּן גָאר אָן פַאלְטְשְׁקֵייט.**

**נָאךְ דֶעם.** הָאט דֶער מֶלֶךְ אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסְן **חָכְמוֹת אוּן לְשׁוֹנוֹת.** הָאט אִים דֶער **תַּם גִיעֶנְפֶערְט** אַזוֹי וִוי מֶען בַּאדַארְף. **אִיז דָאס דֶעם מֶלֶךְ נָאךְ בֶּעסֶער גִיפֶעלִין.** דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזָאגְט. **אִיךְ זֶעה.** אַז עֶר אִיז אַזוֹי **אַ חָכָם** אוּן **פִירְט** זִיךְ **פָארְט** מִיט אַזוֹי **אַ תְּמִימוּת.** אִיז עֶר דֶעם **מֶלֶךְ** זֵייעֶר **זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** אִים גִימַאכְט פַאר **אַ מִינִיסְטֶער** אִיבֶּער **אַלֶע מִינִיסְטֶארִיס.** אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן מֶע זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאט וָואס דָארְט זָאל עֶר זִיצִין. אוּן הָאט גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְמוֹיעֶרְן זֵייעֶר שֵׁייְנֶע מוֹיעֶרְן אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין. אוּן הָאט אִים גִיגֶעבְּן אַכְתַב אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל זַיין **מִינִיסְטֶער.**

**אִיז אַזוֹי** גִיוֶוען מֶען הָאט אִים אוֹיס גִימוֹיעֶרְט זֵייעֶר וואוֹילֶע מוֹיעֶרְן שֵׁייְנֶע. אִין דֶעם אוֹרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן אוּן עֶר הָאט אָפְּגִינוּמֶען **דִי גְדוּלָה בְּתוֹקֶף.**

# דֶער חָכָם,

## אַז סֶע אִיז אִים אָן גִיקוּמֶען דֶער בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ,

**הָאט עֶר** גִיעֶנְפֶערְט צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. וַוארְט. אוּן נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער. וֶועלִין מִיר אִיבֶּער שְׁמוּסִין. אוּן מִיר וֶועלִין זִיךְ מְיַישֵׁב זַיין. אוֹיף דֶער נַאכְט הָאט עֶר גִימַאכְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. אִין דֶעם עֶסְן הָאט **דֶער חָכָם** (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תַּם) אָן גִיהוֹיבְּן צוּ קְלוּגְן אוּן צוּ קְלֶערִין מִיט זַיין חָכְמָה אוּן זַיין פִילוֹסָפְיֶא.

**אוּן** הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט. וָואס קָאן דָאס בַּאטַייטִין. וָואס אַזוֹי אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ אַזוֹי אַ קְלֵיינֶעם מֶענְשׁ וִוי אִיךְ בִּין. וָואס בִּין אִיךְ עֶס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ מִיר. וָואס טַייטְשׁ. **אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ** וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַ מֶמְשָׁלָה אוּן אַזוֹי אַ גְדוּלָה. אוּן אִיךְ אַזוֹי קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין אַ קֶעגִין אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶען מֶלֶךְ. נָא וִוי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס אִין שֵׂכֶל אַז אַזוֹי **אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר.**

**אִיךְ** זָאל זָאגְן מַחְמַת מַיין חָכְמָה. **הָאט עֶר נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט.** וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן אַקֶעגְן דֶעם מֶלֶךְ. **הָאט דֶען דֶער מֶלֶךְ קֵיין חֲכָמִים נִיט.** אוּן דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין אִיז זִיךְ אוֹיךְ בְּוַודְאַי אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן וָואס אִיז דָאס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן. אוּן עֶר הָאט זִיךְ דְרוֹיף **זֵייעֶר זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט.**

# לאמיר זיין פארהערן

נאמען: ____________



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (5)

**א. וועלכע נאך שליחות האט דער קעניג געשיקט צום תם?**
- ☐ ער האט אים געשיקט א קאנווערט מיט געלט.
- ☐ ער זאל ווערן א גאבירניר.
- ☐ ער זאל שנעל קומען צום קעניגס פאלאץ.

**ב. ווי אזוי האט דעם תם באקומען אביסל פארשטאנד?**
- ☐ וייל ער האט אנגעהויבן צו לערנען חכמות.
- ☐ וויל זיין חבר דער חכם האט עם אויס געלערנט.
- ☐ וייל זיין מזל האט זיך אים שוין אויף געהויבן, און מזל מאכט קלוג.

**ג. ווי אזוי האט דער תם געפירט די מדינה?**
- ☐ מיט תמימות, מיט אמת און מיט יושר.
- ☐ מיט חכמה און מיט גלוגשאפט.
- ☐ מיט ישוב הדעת.

**ד. האט די מדינה ליב געהאט דער תם?**
- ☐ זיי האבן אים ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן אים פיינט געהאט.
- ☐ זיי האבן אים זייער ליב געהאט.

**ה. האט דער תם געלערנט צום סוף חכמות?**
- ☐ יא.
- ☐ ניין.
- ☐ ער האט געלערנט נאר לשונות אן חכמות.

**ו. פאר וואס איז זייער געפעלן דער תם פארן מלך?**
- ☐ וייל ער פירט מיט גרויס אמת אן א קיין שום עוולה
- ☐ וייל ער איז א חכם, און פירט זיך מיט תמימות.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס האט דער מלך געמאכט פארן תם?**
- ☐ פאר א שר האוצרות.
- ☐ ער האט איבער געגעבן זיין פלאץ.
- ☐ פאר א מיניסטער איבער אלע מיניסטערים.

**ח. וואס האט דער מלך געהייסן מען זאל בויען פארן תם?**
- ☐ מען זאל אים בויען א שיינע פאלאץ.
- ☐ מען זאל אים בויען א פריוואטע שטוב.
- ☐ מען זאל אויסמויערן זייער שיינע מויערן.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וועלכע זאכן וואס איז אין די מעשה פון די וואך, האט דער רבי געגעבען מען זאל זיך זייער דערוויטערן דערפון?**

**און ביי וואספארא נאך מעשיות ווערט עס אויך דערמאנט?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (4)

וויפל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה "תם"? 31

ווער פלעגט לויפן? דער תם — ווער האט זיך מיישב געווען? דער מלך — ווער איז געפארן? די שלוחים

פון דער מלך — ווער האט אויס געלאכט? דער חכם — ווער איז זייער פריילאך געווען? דער תם

**דעם רבינ'ס מעשיות**

להִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com